ת"ת תורה ויראה
דרבי"מ סאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתקנ"ד
פרשת נצבים - וילך
שנת תשפ"ו לפ"ק

ה' כ') עס דערציילט אונז
**כ"ק אדמו"ר מגארליץ שליט"א**

## ויהי דו"ד לכל דרכיו משכיל

ווי דערמאנט האב איך זוכה געווען צו א שטארקע התקרבות ביי ש"ב הגה"ק **רבי דוד הלוי יונגרייז ז"ל ראב"ד ירושלים עיה"ק**, און איך האב פון אים זייער אסאך מקבל געווען.

צווישן אנדערע, געדענק איך אמאל אין א שמועס מיט אאמו"ר **הגה"צ רבי אלעזר ארי' הלוי יונגרייז ז"ל אב"ד טשענגער**, האט דער ראב"ד דערציילט אז אינעם יחוס המשפחה פון משפחת יונגרייז ווערט דערמאנט 40 דורות רבנים, צווישן זיי הגביר הצדיק רבי **שמשון ווערטהיימער** ז"ל.

דער ראב"ד האט זיך אויסגעדרוקט "די וועלט מיינט אז ער איז געווען סתם א באנקיר, מ'ווייסט נישט וואס פארא גאון וצדיק ער איז געווען", און ער האט בשעת מעשה אנגעצייגט אז אין תשו' **חוות יאיר**, איז דא א הסכמה פון הגאון רבי שמשון ווערטהיימער ז"ל, און דער חוות יאיר שרייבט אויף איהם אויסטערלישע טיטול'ען, צווישן זיי "**מימות רב אשי עד ימיו לא הי' אדם בתורה וגדולה כמותו**".

דער הייליגער דברי חיים שרייבט אויף איהם "**איש קדוש ונורא מאד**".

ב. צווישן איינע פון די שמועסן האט ער מיר דערציילט אז אין זיינע יונגע יארן ווען ער האט געלערנט די גמרא (סוף מס' הוריות) אז שמן זית איז א סגולה לזכרון, פלעגט ער יעדן טאג אויסטרינקען צוויי כוסות שמן זית אז דאס זאל אים העלפן פארן זכרון. די סגולה האט גענוצט, כידוע איז ער געווען א זעלטענער בעל זכרון, וואס ער האט אמאל געלערנט אינעווייניג אין א ספר האט ער נישט פארגעסן.

ער האט געוואוינט אין די פריערדיגע יארן אין אלט-שטאט, נאך די אנטשייאונג פון די ציוני'סטישע מדינה בשנת תש"ח, האבן די ירדנ'ער אין די לעצטע מינוט איבערגענומען קאנטראל אויף אלט-שטאט, און ארויסגעיאגט אלע אידן פון זייערע הייזער.

רבי דוד איז געווען פון די לעצט פארבליבענע אידן וואס האבן איבערגעלאזט זייער היים אין אלט-שטאט. זיין שטוב איז געווען פול מיט הונדערטער ספרים וואס ער האט שוין געהאט אויסגעלערנט און דורכגעלערנט.

פון דעמאלטס און ווייטער האט ער געהאט זייער ווייניג ספרים אין שטוב. וואס ער האט געלערנט, און וואס ער האט נאר געזאגט, איז כמעט געווען וואס ער האט געלערנט בע"פ, און פון וואס ער האט געדענקט פון די יונגע יארן ווען ער האט געהאט זיינע הונדערטער ספרים.

ג. ווען **כ"ק אדמו"ר מתולדות אהרן** ז"ל האט איבערגעדרוקט דעם ספה"ק בני יששכר, און ער האט מוסיף געווען מראי מקומות, איז געווען היפש מאל ווען ער האט געזוכט א מראה מקום און ער האט נישט געקענט געפונען, האט ער געשיקט אנפרעגן צום ראב"ד אין די אונגארישע הייזער, און ער האט אלעמאל אנגעגעבן תיכף ומיד דעם גענויען מקור אין וועלכן ספר מ'קען דאס טרעפן. וואוסנדיג אז ער איז בקיא בכל התורה כולה.

ה' כא) עס דערציילט
**כ"ק אדמו"ר מסקאליע שליט"א**

## ולא נתן לכם... אזנים לשמוע...

עס איז געווען בערך תשכ"ה, איך בין געווען א אינגל בעפאר די בר מצוה. און געהאט די זכי' זייער אפט צו דאווענען מנחה מעריב בבית מדרשו פון **כ"ק מרן רביה"ק מסאטמאר זלה"ה**, בבית מדרשו אויף 500 בעדפארד עוו.

גאנץ אפט צווישן מנחה מעריב פלעגט זיך דער רבי אויסדרייען גוטמוטיג צום ציבור מתפללים, און אידן פלעגן צוגיין שמועסן מיט'ן רבי'ן זה בכה וזה בכה. אפטמאל פלעגן די בעה"ב פארציילן נייעס וואס טוט זיך אין די גאס, און דער רבי פלעגט זיך צוהערן מיט אינטערעסע. כידוע דער רבי אלס מנהיג ישראל פלעגט וועלן הערן און מיטהאלטן אויך וואס טוט זיך אינדרויסן.

איז געווען איינער פון די היימישע חסיד'ישע אידן, וועלכער האט בתמימות אויך געזוכט צו האבן וואס צו פארציילן פאר'ן רבי'ן, אבער ער האט געוועגליך נישט געהאט וואס צו פארקויפן, האט ער זיך משתדל געווען צו הערן די ראדיא, און פרובירט אויפצוכאפן געוויסע נייעס'לעך אז ער זאל אויך קענען אריינרעדן אינעם שמועס.

אין איינע פון די טעג ווען עס האט זיך געמאכט אזא שמועס, האט זיך דער איד אנגערופן - אין ליכט וואס עס איז דעמאלטס געווען די 'קאלטע קריג' צווישן אמעריקע און רוסלאנד - אז "די ראדיא האט געמאלדן אז רוסלאנד האט געסטראשעט אז עס גייען פאלן באמבעס אויפ'ן בי. קיו. אי."... דער ארומיגער ציבור האט אויסגעפלאצט אין א געלעכטער.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער איד האט פרובירט צו הערן נייעס, נישט פארשטייענדיג געהעריג ענגליש האט ער געהערט אז מען האט עפעס גערעדט איבער רוסלאנד. און דערויף האט די ראדיא געמאלדן די טרעפיק, און דער נייעס אגענטור האט געזאגט אז אויפ'ן בי. קיו. אי. איז א שטארקע טרעפיק 'באמפער טו באמפער'... און ער האט פארשטאנען אז מען רעדט פון 'באמבעס'...

שפעטער האט מען זיך געשטעלט דאווענען מעריב, און נאכדעם האט דער ציבור אנגעהויבן צו צוגיין.

איך האב באמערקט אז דער רבי האט א ווינק געטון מיט די אויג פאר יענעם איד אז ער זאל בלייבן אין בית המדרש.

דער רבי האט אים גערופן אין א ווינקל און דארט געהאט מיט אים א לענגערן שמועס. איך בין געבליבן דארט אין א ווינקל אומבאמערקטערהייט, און איך האב טיילווייז געקענט אונטערהערן דעם שמועס.

ס'איז געווען מערקווירדיג ווי דער רבי האט דעם איד שטארק פארגעהאלטן פאר'ן הערן ראדיא און וועלן מיטהאלטן די גוי'אישע נייעס. בתוה"ד האט אים דער רבי געזאגט "**דאס איז נישט פאר אייך! מילא אידן וואס ארבעטן א גאנצן טאג, זיי זענען אין די ביזנעס, עס קומט זיי סיי ווי אויס אז זיי דארפן עפעס הערן אדער מיטהאלטן, און זיי זאגן איבער וואס זיי האבן געהערט במשך דעם טאג. אבער איר זענט דאך בכלל נישט פון דעם סארט. היתכן איר זענט געגאנגען דוקא הערן ראדיא נאר צו האבן וואס איבערצוזאגן?!**"

דער רבי האט איהם שטארק מעורר געווען דעם איד אז ער זאל פארשטיין אז הערן די גוי'אישע ראדיא איז בכלל נישט עפעס וואס פאסט פאר אן ערליכן חסיד'ישן איד.

ה' כב) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' יושע מענדלאוויטש שליט"א** משב"ק

## דבר אחד לדור! נאר איינער זאל פירן

איך וועל דערציילן א אינטערעסאנטע הוראה וואס איך האב זוכה געווען צו הערן פונעם רבי'ן, וואס מ'קען אפשר אריינלערנען דערין א טיפע משמעות.

בשנת תשכ"ב-תשכ"ג, די ערשטע צוויי יאר וואס מ'האט געפענט דעם קעמפ אין קערנהאנקסאן, זענען די ישיבה בחורים דארט געווען אויפן גאנצן זומער. כ'האב דעמאלטס געהאט די זכי' צו האבן א שיעור בחברותא מיט **הגה"צ חו"פ ר' שמואל זאנוויל גאלד זלה"ה רב דקהל רחמי האב**.

אינמיטן זומער זאגט ער מיר אז ער פארט אויף שבת קיין שעראן ספרינגס צום רבי'ן, ער נעמט מיט זיין זון א בחור - הרה"ג ר' יחזקאל שליט"א - און איך קען אויך מיטקומען, און ער וועט מיר דארט מסדר זיין וואו צו שלאפן. כמובן אז איך האב זיך צוגעכאפט צו אזא גאלדענע פארשלאג, און איך האב ערלעדיגט רשות ביי די הנהלה אז איך זאל מעגן פארן אויף שב"ק.

פרייטאג איז אנגעקומען אין קעמפ הרה"ח ר' סענדר ענגל ע"ה מיט זיין 'סטעישאן וואגאן'. די דעמאלטסדיגע קארס האבן געהאט פון פארנט א לאנגע זיץ פונקט ווי די צווייטע זיץ. אזוי האבן זיך אריינגעשטופט 3-4 מענטשן פארנט, און נאך עטליכע פון אונטן, און וויפיל עס האבן נאר געהאט פלאץ אינעם קאר האבן זיך אריינגעשטופט, און... ויסעו...

אינמיטן וועג, האט די קאר אנגעהויבן צו פארן פון זיך אריין גאר שנעל, ר' סענדער האט פרובירט צו אפשטעלן די קאר אבער עס האט נישט געהאלפן, נאר אדרבא, עס איז 'געפלויגן' אלס שנעלער און שנעלער... דער גאנצע עולם אין קאר איז געווארן היסטעריש מ'האט געשריגן קולות, עטליכע האבן געשריגן 'שמע ישראל'.

ר' סענדר איז געווען בטבעו א רואיגער מענטש, האט ער געבעטן דעם ציבור הנוסעים מ'זאל נישט זיין היסטעריש, די קאר וועט זיך באלד אפשטעלן.

אבער זעהנדיג אז דער מצב ווערט נאר ארגער, איז ער אראפגעפארן פונעם ראוד כדאי נישט צו גורם זיין ח"ו קיין עקסידענט מיט אנדערע קארס, ער איז ארויף געפארן אויפן גראז וואס איז געווען אינמיטן דעם ראוד, די קאר איז ווייטער 'געפלויגן' א שטיקל וועג אויפן גראז - ווען די שרעק איז ביי יעדן אויפן העכסטן גראד - ביז עס האט זיך אפגעשטעלט פון זיך אליינס.

ווי נאר די קאר האט זיך אפגעשטעלט, האט ר' סענדר געהייסן יעדן ארויסגיין פון קאר, ער האט אונטערגעזוכט דעם קאר פון אלע זייטן צו זעהן וואס עס האט גורם געווען צו דעם אז די 'סטאפ ברעקס' האבן נישט געארבעט, ער האט אויפגעמאכט די 'האד' און אונטערזוכט אלעס, אבער ער האט גארנישט געטראפן.

נאך לענגערע חקירות ודרישות האט זיך ארויסעשטעלט א פחד'יגער מציאות.

היות אינעם פאדערשטן זיץ זענען געזעסן פיר אידן, איז דער וואס איז געזעסן צוקוועטשט נעבן דעם דרייווער, האט געכאפט א דרימל בשעת ווען ער האט זיך אויסגעצויגן די לינקע פוס, און בלא יודעים האט ער געדרוקט דעם 'גאז פעדל'...

די קאר האט פארלוירן קאנטראל ווען יענער חלומ'ט נישט אז ער דרוקט דא די 'גאז'... און מחמת פחד, ווי שנעלער די קאר איז געפארן האט יענער שטארקער אנגעהאלטן מיט די פוס, און נאך אראפגעדרוקט די 'פעדל' שטארקער, ועל זה יצא הקצף...

ווען מ'איז אריין צום רבי'ן ז"ל שלום נעמען, האט מען דערציילט פארן רבי'ן דעם נס מ'האט געהאט אויפן וועג, אז ער האט געקענט ארויף פארן אויפן גראז ביז די קאר האט זיך אפגעשטעלט, דער רבי האט אויסגעפרעגט אלע פרטים, און האט מען מסביר געווען ווי אזוי דאס ארבעט, אז מ'דרוקט איינס גיט דאס 'געז' און דאס מאכט פארן, און דאס צווייטע שטעלט אפ די קאר א.א.וו.

האט דער רבי געפרעגט מיט וואונדער "**ווי אזוי קען זיין אז איינער וואס איז נישט דער דרייווער זאל קענען פירן די קאר?!...**".

דער רבי איז געווארן זייער נתרגש פון די מעשה, און אנגעזאגט פאר ר' סענדר אז מהיום והלאה זאל נישט זיצן נעבן דעם דרייווער מער ווי איין מענטש.

יענעם שבת, אלע געסט וואס זענען געקומען צו פארן האט דער רבי אויסגעפרעגט "וויפיל מענטשן זענען געזעסן פארנט?", און דער רבי האט אנגעזאגט אז מען זאל נישט זיצן אין ערשטן זיץ, מער ווי איין מענטש אויסערן דרייווער...

**דבר אחד לדור!...**

ה' כג) עס דערציילט אונזער זיידע

### הר"ר חנני' הכהן שווארץ שליט"א

<u>תהי אזניך קשובות...</u>

**הרה"ח ר' אברהם מרדכי פאלאטשעק** ז"ל פלעגט טאג טעגליך גיין נאך געלט אין מערערע בתי מדרשים. ער איז דאך געווען דער שר הצדקה וחסד, ווען ער האט במשך ימי חייו צוזאמען געשטעלט אלפים ורבבות פאר צרכי בני ישראל המרובים, בעיקר מיט די בארימטע 'שבת פעקלעך', וואס גייט נאך ב"ה אן עד היום הזה.

טויזנטער אידן געדענקען רבי אברהם מרדכי מיט זיין שמייכל גיין נאך געלט... אידן האבן פשוט געווארט ער זאל קומען נאך געלט, אויפפיקן די 'איינסערס'... זיין שמייכל און סבר פנים יפות האט ממש אויפגעלעבט אומצאליגע אידן. קליינע קינדער פלעגן 'זוכה זיין' צו א שמועס מיט די דאללארן און זיין געוועהנליכע ברכה "זאלסט זיין א תלמיד חכם, און דער טאטע אן עושר"...

אויף די עלטערע יארן האט ער שוין נישט קיין כח אזויפיל אליין ארומלויפן ווי אין די פריערדיגע יארן, האט מען אים צוגעשטעלט א אינגערמאן, וואס האט אים טעגליך אויסגעשטעלט א סקעדזשועל אין וועלכע בתי מדרשים מ'וועט גיין.

יענער האט געוואוסט פאראויס וועלכע נדיבים עס דאווענען אין יענע בתי מדרשים, און ער האט אויסגערעכנט צו קענען טעגליך אריינכאפן עטליכע גוטע אדרעסן וואס פלעגן איהם געבן גרעסערע סכומים.

עס איז געווען אין א געוויסן ערב שב"ק, רבי אברהם מרדכי קומט אן צו א געוויסן ביהמ"ד, און ער באגעגענט א עלטערן בחור וואס האט זיך געוויטיגט אין חיזוק, האט ער אים באגריסט און זיך אריינגעלאזט אין א שמועס מיט דעם בחור, דער שמועס האט זיך פארצויגן 20 מינוט, א האלבע שעה... דער מנין האט זיך אינצווישן געענדיגט, און מען האט פארפאסט די נדבנים. דער באגלייטער איז געווארן שטארק אנגעצויגן, און ער האט כסדר דערמאנט רבי מרדכי "מיר פארפאסן די נגידים, יענער ענדיגט שוין דאווענען"... אבער ווי נישט איהם מיינט מען, האט ווייטער ליבליך פארברענגט מיט דעם בחור.

ווען ער האט ענדליך געענדיגט דעם שמועס, זאגט דער אינגערמאן מיט ווייטאג "מיר האבן אינצווישן פארפאסט עטליכע גרעסערע סכומים"...

זאגט אים רבי מרדכי מיטן גאנצן פשטות "**ווי אזוי קען איך אריבער גיין אן עלטערער בחור און זיך נישט אפשטעלן געבן אפאר חיזוק ווערטער**"... גמילות חסדים... וואס איז א חילוק אויף וועלכן אופן...

ה' כד) עס דערציילט אונזער זיידע

### הרה"ח ר' אברהם משה לעבאוויטש הי"ו

<u>זוכה געווען צו "לשנה טובה" פון כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה</u>

אבי מורי הרה"ח רבי נפתלי ז"ל, במשך אלע זיינע יארן איז ער געווען באקאנט מיט זיין סבר פנים יפות, מיט זיין לעכטיגן הארציגן שמייכל, מיט וואס ער האט יעדן איינעם מקבל פנים געווען און אויפגענומען יעדן מענטש וואס איז נאר געקומען מיט אים אין בארירונג. דאס איז געווען די סיבה פארוואס ער איז געווען אזוי אנגענומען און באליבט, אהוב למעלה ונחמד למטה, ווען יעדער האט אים געקענט מיט זיין פרייליכקייט, אויפגעלייגטקייט, און זעלטענע סבר פנים יפות.

ווען ער האט נאר באגעגנט, האט ער ליבליך געגריסט, אפגעזען צי ער האט אים געקענט, צי ער האט אים נישט געקענט, אן עלטערער איד ווי א יונגערמאן, אדער אפילו א יונג קינד. ער האט זיך געקענט אפשטעלן אויף די גאס פאראינטערעסירן ביי מענטשן איבער זייער וואוילזיין, טראצדעם וואס ער האט מיט יענעם נישט געהאט קיין שום באזונדערע באקאנטשאפט.

זיין וועג אהיים יעדן איינציגן שבת האט גענומען זייער א לאנגע צייט. ער האט זיך כסדר אפגעשטעלט ווען ער האט נאר באגעגנט, צו געבן א גוט ווארט, א שמייכל, א ווערטל, א חיזוק ווארט, וואס מענטשן האבן דערפון אזוי הנאה געהאט, און ביי מערערע פעלער איז דאס געווען אזוי קולע אל השערה צום פינטל, וואס מענטשן האבן דערפון ממש געשעפט חיות.

עס איז געווען ראש השנה תשל"ח, **כ"ק מרן רביה"ק זי"ע** איז געווען יענעם ראש השנה אין וויליאמסבורג, ער איז געווען שטארק אפגעשוואכט, און עס איז נישט שייך געווען פאר'ן גאנצן ציבור אז מען זאל קענען דורכגיין ווינטשן לשנה טובה פאר'ן רבי'ן.

נאכ'ן דאווענען האט דער רבי אנגעוואונטשן בכלליות א ברכת שנה טובה פאר'ן גאנצן ציבור, און דערויף האט זיך דער ציבור ווארעם אנגעוואונטשן צווישן זיך איש לרעהו און מ'איז אהיימגעגאנגען.

פאר מיין טאטן איז דאס אבער נישט געווען אזוי פשוט, ווייל אויב יעדן שבת האט אים גענומען אזוי לאנג דער וועג אהיים, איז אוודאי ראש השנה ביינאכט, האט ער זיך אפגעשטעלט צו יעדן, און יעדער האט זיך אפגעשטעלט צו אים, זיך באגריסן מיט א ווארימע לשנה טובה, און ער האט נאך אויסגעהערט יעדנ'ס ברכות מיט די פולסטע שימת לב און הארציגקייט. אזוי איז אויסגעקומען אז ער איז געבליבן ממש דער לעצטער מענטש אין בית המדרש...

פלוצלינג קומט אריין איינער פון די משמשים הקודש און זאגט, מ'קען יעצט אריינגיין צום רבי'ן. דער רבי האט זיך געפונען אין זיין חדר מיוחד אויף די מזרח וואנט פון בית המדרש הגדול.

עס איז נישטא קיין ווערטער צו קענען שילדערן וואס דאס מיינט אין יענע יארן ווען עס איז געווען אזא זעלטנהייט צו קענען אריינגיין צום רבי'ן, אז ראש השנה ביינאכט זאל מען קענען פריוואט אריינגיין זיך וואונטשן ביים רבי'ן 'לשנה טובה'.

מיין טאטע מיט אלע קינדער וואס האבן אויסגעווארט אויף אים זענען דעמאלטס אריין צום רבי'ן אין צימער. דער רבי איז געזעצן על כסא קדשו, אויסגעדרייט צום טיר, און האט אונז אלע געוואונטשן מיט א לעכטיגן סבר פנים יפות "**לשנה טובה תכתב ותחתם לאלתר לחיים**". די הרגשה, די געפיל, די ווארעמקייט, די לעכטיגקייט וואס האט זיך דעמאלטס געשפירט איז אין לשער.

איז אויסגעקומען א דאנק דעם. וואס ער האט זיך אזוי אלע יארן געפירט מיט זיין סבר פנים יפות האט זיך עס יעצט אויסגעצאלט מיט רווח.

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס"ד: ביטע רופט די מערכת **845-783-0735/Tellerkj@gmail.com**